ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
שמיני

שער
ראשון

# מאמר
# קטנתי מכל החסדים
## ה׳ש״ת

מכבוד קדושת
## אדמו״ר יוסף יצחק
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע
## שניאורסאהן
מליובאוויטש

יוצא לאור בפעם הראשונה מכתי״ק


על ידי מערכת
„אוצר החסידים"

770 איסטערן פאַרקוויי
ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה
הי׳ תהא שנת פלאות בכל
מאה ועשרים שנה לכ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א


**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד**

# MAAMAR
# KOTONTI MIKOL HACHASADIM – 5700

*Published and Copyrighted by*
**"KEHOT" PUBLICATION SOCIETY**
770 Eastern Parkway, Brooklyn, N.Y. 11213
Tel. (646) 770-3589 • kehotp@gmail.com

*Printed in U.S.A.*
5782 • 2022

ב"ה.

# פתח דבר

לקראת יום הבהיר ח"י אלול, יום הולדת את שני המאורות הגדולים, הבעש"ט (בשנת נח"ת) וכ"ק אדמו"ר הזקן (בשנת קה"ת) –

הננו מוצאים לאור – בפעם הראשונה – את המאמר ד"ה קטנתי מכל החסדים מכ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע, שנכתב באידיש לרגל י"ט כסלו ה'ש"ת.

בשנת תשל"ח יצא לאור – ע"פ הוראת כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א – קונטרס מאמרים ה'ש"ת הכולל ארבע מאמרים משנת ה'ש"ת באידיש[1]. גוכתי"ק של המאמרים לא היה בשעתו תח"י ונדפס עפ"י העתקות. לאחרונה הגיע לידינו גוכתי"ק המאמרים, המכיל עוד כמה מאמרים שעוד לא נדפסו[2]. המאמרים נכתבו ע"י כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ ונעתקו אח"כ במכונת כתיבה עם שינוים, ובכ"מ, הוסיף עליהם כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ הגהות.

המאמר נדפס כאן מתוך ההעתקה, ובמקומות שנראים שחסר תיבה או אות, הושווה לגוכתי"ק.

* * *

לחביבותא דמילתא, נדפס בראש הקונטרס פאַקסימיליא מגוכתי"ק כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ מעמוד הראשון של המאמר, ובסוף הקונטרס פאַקסימיליא מהפתח דבר לקונטרס מאמרים ה'ש"ת הנ"ל, שהוגה ע"י כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א.

* * *

לתועלת הלומדים והמעיינים, ניתוספו כמה הערות ומראי מקומות הבאים בשולי הגליון ע"י המו"ל.

## יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד

## מערכת „אוצר החסידים"

ימות המשיח,
ח"י אלול ה'תשפ"ב (הי' תהא שנת פלאות בכל),
ברוקלין, נ.י.

---

1) ונדפס אח"כ בסה"מ ה'ש"ת (קה"ת, תשמ"ו).

2) ורובם לא נזכרו ב„מפתח ספרי ודרושי אדמו"ר מהוריי"צ" (קה"ת, תשכ"ח).



פאַקסימיליא מגוכתי"ק כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע
מעמוד הראשון של המאמר

בס"ד, י"ט כסלו, ת"ש

קטנתי מכל החסדים ומכל האמת אשר עשית את עבדיך[1]. יעקב אבינו זאָגט אין זיין תפלה צו השי"ת איך בין באַ זיך קליין פון די אַלע חסדים וואָס דו האָסט געטאָן מיט דיין קנעכט. שרייבט דער רבי נ"ע אין זיין הייליגן בריף[2], נאָכדעם ווי ער איז בעפרייט געוואָרן פון זיין תפיסה אין פּעטערבורג, אַז מיט יעדער חסד וואָס השי"ת טוט אַ מענטשן בעדאַרף דער מענטש ווערן באַ זיך זייער אַ שפל רוח, ווי עס שטייט (אין תקוני הזהר אין דעם מאמר פתח אליהו[3]) חסד דרועא ימינא, אַז די ספירת החסד איז די רעכטע האַנט, און עס שטייט[4] וימינו תחבקני מיט זיין רעכטע האַנט נעמט ער מיך אַרום, וואָס דאָס מיינט דער געטליכער קירוב מער פון פריער, דאָס הייסט אַז דער גאַנצער ענין פון בריאת האדם איז אַ חסד, ווי עס שטייט אין מדרש[5] אַז השי"ת האָט געזאָגט די מלאכי השרת אַז ער וויל בעשאַפן אַ מענטשן, האָבן די מלאכי השרת מקטרג געווען אויף דעם און האָבן געזאָגט[6] מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו, דאָך האָט השי"ת ניט געהערט דעם קטרוג און האָט בעשאַפן דעם מענטשן, איז דאָך דער כללות ענין בריאת האדם אַ חסד, וואָס השי"ת האָט בוחר געווען אין דעם בריאת האדם, וואָס די בחירה איז דאָך אַ געוויסער קירוב וואָס השי"ת האָט מקרב געווען דעם מענטשן, וואָס דער קירוב איז אַזוי גרויס אַז השי"ת האָט ניט געהערט דעם קטרוג פון די מלאכי השרת און האָט בעשאַפן דער מענשטן. מדת החסד איז אין דער רעכטער זייט. באַ דעם מענטשן איז דער רעכטער זייט בעוויזט אויף אַ נאָהענטער צוגעטראָגענקייט, ווי מיר זעהען ווען איינער האַלדזט זיין חבר מיט אַ שטאַרקע צוגעטראָגענקייט נעמט ער אים אַרום מיט דער רעכטער האַנט, אַזוי איז אויך להבדיל אלף אלפי הבדלות, למעלה אַז מדת החסד איז די רעכטע האַנט, וואָס יעדער קירוב איז מיט דער רעכטער האַנט וואָס דאָס בעווייזט אויף אַ געוויסן קירוב, איז במילא פערשטענדליך אַז יעדער חסד איז אַ גרעסערער קירוב פון דעם פריערדיקן קירוב, און פון דעם אַליין וואָס מלמעלה איז מען אים מקרב און מען טוט מיט אים חסדים בעדאַרף דער מענטש זיין באַ זיך אַ שפל רוח און גוט בערעכענען דעם גרויסן חסד וואָס השי"ת טוט מיט אים אַז דאָס איז באמת אַ חסד חנם מער ניט מצד טבע הטוב

---

1) וישלח לב, יא.
2) אגה"ק ס"ב (קג, ב).
3) בהקדמה יז, א.
4) שה"ש ב, ו.
5) מדרש תהלים ח, ב.
6) תהלים ח, ה.

להטיב[7], וואָס פאַרטיפענדיק זיך אין דעם מאַכט דעם מענטשן פאַר אַ שפל רוח באמת, למשל, ווען איינער איז — לא עלינו — געווען אין אַ עת צרה ומקום סכנה, ר״ל, און ער איז שוין געווען אַ מיואש פון לעבען, און האָט ניט געזעהן קיין מעגליכקייט אַז ער זאָל קענען ניצול ווערען פון טויט, אָבער השי״ת האָט אַ סך שלוחים ווען ער וויל מציל זיין, און די ישועה קומט פלוצים דורך איינעם וואָס איז אים מציל וואָס דער מציל איז זייער אַ גוטער און האָט אים מציל געווען פון טויט ווייל ער איז זייער אַ גוטער, הגם דער וואָס איז ניצול געוואָרען איז זייער צופרידן מיט דעם וואָס ער איז ניצול געוואָרן פון סכנת מות אָבער דער חסד אַליין צוברעכט אים אַז ער ווערט אַ שפל רוח באמת.

**פאַרשטיין** ווי אַזוי קען אַ מענטש צוקומען צו פילען דעם חסד וואָס השי״ת טוט מיט אים און ווערן אַ שפל רוח באמת. אין גשמיות ווען אַ מענטש איז אין אַ עת צרה און אין אַ מקום סכנה, בפרט אַזאַ וועלכער איז פריער געווען אין עשירות און איז געזעסן באַ זיך אין הויז במנוחה, און עס האָט אים געטראָפן אַ צרה ר״ל און ער איז געוואָרן אַ עני ובעל יסורים, ווערט ער באַ זיך זייער שטאַרק אַראָפּגעפאַלן פון זיין גרויסער צובראָענקייט, און ווען ער געפינט זיך אין סכנת נפשות און השי״ת איז מזמין אַז איינער אַ גוטער מענטש איז אים מציל פון טויט ממש און נעמט אים אַריין צו זיך אין הויז און אַ חוץ דעם וואָס ער בעשיצט אים פון אַלע שלעכטס גיט ער אים אויך אַלץ וואָס ער האָט נויטיג וואָס דאָס איז אַ גרויסער חסד, איז דער חסד אַליין מאַכט אים פאַר אַ שפל רוח אַז ער ווערט באַ זיך זייער צובראָכן, חוץ דעם וואָס ווען מען בעדאַרף אָנקומען צום צווייטן ווערט מען צובראָכן באַ זיך, איז פון דעם גרויסן חסד וואָס דער צווייטער טוט מיט אים איז דאָס אַליין מאַכט אים פאַר אַ שפל רוח, דאָס איז אָבער אין גשמיות, אין רוחניות איז די זאַך אַנדערש, ווי מיר זען במוחש אַז ווען השי״ת גיט אַ מענטשן אַ שפע ברכה והצלחה אַז ער ווערט זייער רייך און האָט הצלחה אין אַלץ וואָס ער טוט, וואָס דאָס איז דאָך אַ גרויסער חסד פון השי״ת, איז ניט נאָר דער מענטש ווערט דורך דעם ניט קיין שפל רוח נאָר אדרבא דער מענטש ווערט דאַן באַ זיך אַ גס הרוח און רעכנט אַז דאָס אַלעם וואָס מען גיט אים קומט דאָס אים און ער איז דאָס ווערט, און אַזוי אַרום איז פון צייט צו צייט ווערט דער מענטש אַלץ מער פאַרגרעבט און זיין האַרץ ווערט פאַרגאָסן מיט פעטס אַז צוויטענס יסורים און צער רירט אים כלל ניט אָן, און עס זיינען אויך דאָ אַזעלכע וועלכע ווערן אבירי לב[8], דאָס הייסט אַז ניט נאָר וואָס דעם צווייטענס צער רירט אים ניט אָן, נאָר ער זאָגט אַז יענער איז דאָס ווערט וואָס

---

7) מובא בכ״מ בדא״ח בשם הע״ח. וראה הערת כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א במאמרי אדהאמ״צ קונטרסים ע׳ ה.

8) לשון הכתוב — ישעי׳ מו, יב.

דאָס קומט פון זיין פאַרפעטע האַרץ פון די גרויסע חסדים וואָס השי״ת טוט מיט אים און האָט אים געגעבן אַ שפע ברכה מרובה און הצלחה אין אַלע זיינע ענינים. וואָס באמת איז ניט מובן פאַרוואָס דער חסד וואָס אַ מענטש טוט מיטן צווייטן מאַכט דעם צווייטן פאַר אַ שפל רוח, און וואָס דער חסד איז גרעסער ווערט ער אַלץ מער שפל רוח, און דער חסד וואָס השי״ת טוט מיטן מענטשן איז ניט נאָר דער מענטש ווערט ניט קיין שפל רוח דורך דעם נאָר אומגיקירט ער ווערט נאָך אַ גס הרוח. איז דער ענין אין דעם איז אַז דאָס איז מצד חסרון עבודה, דאָס וואָס דער מענטש אַרבעט ניט מיט זיך אויף צו מאַכן זיך איידעלער, וואָס די ערשטע עבודה בעדאַרף זיין אַראָפּ צו נעמען דעם הרגש עצמו, אָט דאָס וואָס ער פילט זיך, אַז אין יעדער זאַך איז באַ אים דער איך, ער וויל יאָ און ער וויל ניט, דאָס קען ער און דאָס קען ער ניט, אין יעדער תנועה זעט ער ווי יענער טוט ניט גוט, און וואָס ער טוט איז גוט, ער רעט שטענדיג וועגן יענעמס חסרונות און ער האָט קיין חסרונות ניט וואָס דאָס אַלץ קומט דערפון וואָס ער איז זייער פאַרגרעבט געוואָרן און דערום האָט ער ניט קיין שום בעגריף אין איידעלקייט בכלל און אין אַ געטליכן געפיל בפרט.

**און** בכדי דער מענטש זאָל דורך עבודה אַראָפּנעמען די גראָבקייט און ווערן איידל, בעדאַרף ער פריער וויסן וואָס מיינט מען גראָבקייט און וואָס מיינט מען איידלקייט. איידלקייט און גראָבקייט זיינען נאה ומגונה, וואָס אין נאה ומגונה זיינען אויך פאַראַן חלוקי מדריגות. עס זיינען דאָ זאַכן וואָס פאַר אַ בעל עסק איז דאָס נאה און פאַר אַ יושב אהל איז דאָס מגונה, למשל, ווען אַ בעל עסק וועלכער איז פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג אין עסק און דאַווענט תפלה בצבור און לערנט אַ פּאָר שעה אין טאָג איז דאָס נאה[9] אָבער ווען אַ יושב אהל דאַווענט ניט באריכות ובמתינות און לערנט מער ניט ווי אַ פּאָר שעה אין טאָג דאָס איז מגונה. און אים דעם זיינען דאָ כמה חילוקי מדריגות אין וועלכע מענטשן זיינען זיך טועה, וואָס חוץ דעם וואָס מצד אהבת עצמו, ווייל ער האָט זיך ליב און איז באַ זיך טייער, איז אפילו די זאַכן וועלכע זיינען באמת מגונה איז אויף זיך באַמערקט ער ניט און רעכנט אַז דאָס איז נאה, איז חוץ דעם זיינען דאָ מענטשן וואָס מצד העדר ידיעה וואָס איז איידל און גראָב האָבן זיי אַ טעות אין דעם, דערום בעדאַרף זיין פריער די ידיעה וואָס איידל איז און וואָס גראָב איז, וואָס מיינט רבי מיט דעם מאמר[10] איזה היא דרך ישרה שיבור לו האדם, דאָס הייסט אַז דער מענטש דאַרף וויסן דעם דרך הישר, און נאָכדעם ווען דער מענטש וייס דעם דרך הישר וואָס איז גוט און וואָס איז ניט גוט בעדאַרף ער זיך ערשט גוט בעטראַכטן וואָס טוט זיך מיט אים, הן אין זיינע מוחין און הן אין זיינע

9) ראה אגרות־קודש כ״ק אדמו״ר (מוהריי״צ) נ״ע ח״ח ע׳ תרנח.

10) אבות פ״ב מ״א.

מדות, וועלכע מדות טובות בעזיצט ער און וועלכע שלעכטע מדות און בעדאַרף יעדע מדה גוט בעטראַכטן, הן די מדה טובה וועלכע ער בעזיצט ווי צו מאַכן זי נאָך בעסער, און הן גוט איבערלייגן זיך ווי אַזוי קען ער פטור ווערן פון די מדות רעות. וואָס באמת פטור ווערן אַליין פון די מדות רעות איז נאָך ניט גענוג. די עבודה איז אַז אַנשטאָט די מדות רעות זאָלן זיין מדות טובות, ווי למשל אין אַ כלי ווען אייניגע חלקים פון איר טויגן נישט וואַרפט מען אַרויס די שלעכטע חלקים און מען שטעלט אַריין אויף זייער פּלאַץ גוטע חלקים, אָט אַזוי איז אויך אין דעם ענין המדות, אַז פריער בעדאַרף זיין די עבודה פטור צו ווערן פון די מדות רעות, וואָס מען בעדאַרף צו דעם האָבען אַ יגיעה גדולה. פראַן אַזעלכע וואָס מיטן פאַרשטאַנד פאַרשטייען זיי אַז דאָס איז אַ מדה רעה אָבער צוליב זייערע פאַרגרעבטע הערצער קענען זיי זיך ניט אַרויס רייסן פון דעם, ווי מיר זעהן למשל אַזעלכע וועלכע זאָגן אויף זייערע בעקאַנטע אַז זיי זיינען גסי רוח און ריידן אַ סך אין דעם ווי די מדה פון גס הרוח איז זייער אַ מיאוסע נידעריגע און גראָבע מדה און זיי אַליין פילן גאָר ניט אַז זיי זעלבסט זיינען גסי רוחות, אויפן צווייטן זעהען זיי און אויף זיך ניט, און זיי בעדאַרפן האָבן אַ גרויסע יגיעה צו פטור ווערן פון די מדות רעות און נאָכדעם ערשט בעדאַרפן האָבן אַ גרויסע יגיעה אויף צו קונה זיין מדות טובות, וואָס דאָס קען אַלץ זיין ווען מען ווייס פריער וואָס עס איז גראָב און וואָס עס איז איידיל.

**ווען** דער מענטש ווייס וואָס איז אַ מדה טובה און וואָס איז אַ מדה רעה, וואָס די ידיעה דאַרף זיין ווי ע״פ תורה, דאָס הייסט אַז אין דער תורה שטייט אַז אַזאַ מדה איז אַ מדה טובה און אַזאַ מדה איז אַ מדה רעה. וואָרום עס זיינען דאָ מדות וואָס מענטשן רופן דאָס אָן אַ מדה טובה אָדער אַ מדה רעה אָבער באמת איז דאָס נאָר אַ וועלטלעכע הנחה. דאָס הייסט אַז דאָס וואָס מענטשן רופן מדה רעה איז דאָס באמת אַזאַ מדה מגונה וואָס עס איז גאָר ניט שייכות צו זאָגן אויף דעם דעם נאָמען מדה רעה, דאָס איז נידעריגער פון מדה רעה. מדות זיינען פאַראַן באַ בעלי חיים אויך, וואָס למשל אַ עורב איז אַ אכזר[11], עס זיינען אויך דאָ בעלי חיים וועלכע זיינען טורף ודורס, אויף דעם איז אָבער ניט שייך זאָגן דעם נאָמען מדה רעה, וואָס אַזוי זיינען אויך פאַראַן מענטשן אכזרים, זיי מאַכן דעם צווייטן איינג און שלעכט[12], און אַזוי ווי חיות רעות וועלכע גלוסטן די בלוט פון זייערע קרבנות אַזוי אויך די מענטשן אכזרים זיינען שואפי דם און שופכי דם, פאַרגיסן יענעם די בלוט מען טראַכט אויס אויף יענעם כל ערליי בלבולים און מען פערשאַפּט אים בזיונות אַלץ כדי מאַכן אים ניט גוט און ווי טאָן אים, און וואָס מער יענעם טוט וויי און ער האָט מער צער אַלץ מער תענוג

11) ראה ירושלמי פאה פ״א ה״א.

12) ראה סה״מ תרפ״ט ע׳ 27. 92. וש״נ.

האָט פון דעם דער אכזר, ווי עס שטייט אויף די מלאכי חבלה אַז זיי האָבן נחת פון דעם צער און יסורים וואָס די רשעים ליידן אין גיהנם[13], און אַזוי איז אויך די אכזרים אַז וואָס מער דעם צווייטן איז ניט גוט אַלץ מער האָבן זיי דערפון תענוג און אַזעלכע רופן מענטשן אָן בעלי מדות רעות, אָבער באמת איז אויף אַזאַ אכזריות ניט שייך דער נאָמען מדה רעה, עס איז אכזריות וואָס באַ בעלי חיים איז דאָס אַ געבירטליכע מדה און ביים מענטשן איז דאָס אַ געוואָרענע מדה, און דער מענטש קען די מדת האכזריות אויסרייסן, און ווען דער מענטש טוט דאָס ניט און בלייבט באַ זיין אכזריות איז ער ערגער פאַר דעם אכזר בעל חי. און אויך דאָס וואָס מענטשן רופן מדות טובות זיינען באמת אויך ניט קיין מדות טובות, ווייל עס איז ניט מיט אַ אמת. ווי מיר זען במוחש אין דער הנהגה פון בין אדם לחבירו וואָס ע״פ רוב איז דאָס נאָר צוליב לצאת ידי חובת האנושיות, עס איז מער ניט צוליב דעם ווייל אַ מענטש בעדאַרף אַזוי טאָן, מענטשהייט איז אַז איין מענש בעדאַרף טאָן לטובת דעם צווייטן מענטשן, און וויבאַלד דאָס איז מער ניט ווי צוליב יוצא זיין איז אין דעם ניטאָ קיין געפיל איז דאָס ניט קיין מדה טובה, עס איז נאָר אַ מדה אנושית, אַ מענטשליכע מדה, אָבער באמת וואָס איז אַ מדה טובה און וואָס איז אַ מדה רעה איז דאָס נאָר ווי ע״פ תורה.

**לאחר** דעם ווי דער מענטש שוין[14] וואָס איז אַ מדה טובה און וואָס איז אַ מדה רעה ע״פ תורה, בעדאַרף ער וויסן ווי אַזוי ע״פ תורה בעדאַרפן פאַרבעסערן די מדה טובה און אויסרייסן די מדה רעה, און די עבודה בפועל בעדאַרף זיין מיט קבלת עול, למשל, ווען איינער מאַכט פון אַ שטיק האָלץ אַ חלק פון אַ כלי מאַכט ער פריער דעם חומר פון דער האָלץ אַז מען זאָל דערפון קענען מאַכן דעם חלק צו דער כלי, איז פריער נעמט מען אַראָפּ די מותרות החומר מיט אַ קרדום, וואָס דער אופן שימוש מיטן קרדום איז בדרך בקיעה, עס שפּאַלט אָפּ אַ חלק פון דעם חומר און לאחר דעם בקיעת החומר מיטן האַק איז הגם דער חומר העץ איז שוין מער מוכשר צו מאַכן פון אים די חלקי הכלי מכל מקום בעדאַרף מען איך נאָך מער מכשיר זיין צו דעם, וואָס די ווייטערדיגע הכשרה איז שוין דורך אַ אַנדער כלי ניט דורכן קרדום, איז הגם די אמתע הכשרה פון דעם חומר העץ צו מאַכן פון אים דעם חלק הכלי וועלכן מען בעדאַרף איז נאָר ווען מען נעמט אַראָפּ די מותרות פון דעם חומר, דאָך איז דער אופן אַראָפּנעמען די מותרות ניט גלייך צום אופן אַראָפּנעמען די ערשטע מותרות ווייל איידער מען נעמט אַראָפּ די ערשטע מותרות איז דער חומר העץ נאָך אַ גולמי וואָס האָט קיין הכשרה מען זאָל קענען אויסנוצן צו מאַכן פון אים

---

13) ראה עד״ז מאמרי אדהאמ״צ קונטרסים ע׳ שלד. וש״נ.

14) כ״ה בהעתקה. ובכתי״ק: לאחר דעם אַז דער מענטש וייס באמת וואָס איז.

אַ כלי, ער איז נאָך גראָב און ווילד פאַרוואַקסן מיט אַ גראָבער שאַלעכץ, נאָר ווען מען מאַכט אים ריין און מען נעמט אַראָפּ די ווילדע גראָבע שאַלעכץ מען האַקט אים אַרום און מען נעמט אַראָפּ די מותרות ערשט דאַן ווערט דער חומר העץ מוכשר מען זאָל קענען מאַכן פון אים אַ כלי, די כלי מיט וואָס מען קען ריינמאַכן דעם האָלץ חומר איז דאָס נאָר אַ קרדום און בדרך בקיעה אָפּשפּאַלטן, וואָס דאָס איז בכח גדול, ווי מיר זעהען במוחש אַז מיט וואָס אַ גרעסערער קראַפט נעמט אַראָפּ וואָס מער מותרות. אָבער נאָכדעם אַלעס קען מען נאָך פון דעם חומר העץ קיין כלי ניט מאַכן, ער מוז נאָך האָבן ווייטערע הכשרה, דורך אַראָפּנעמען אַ טייל פון דעם חומר, נאָר דאָס איז שוין ניט בדרך בקיעה, נאָר דורך אַ אַנדער אופן מיט אַ מאָס ביסלעך ווייס, דער אַראָפּנעמען בדרך בקיעה איז דאָך אַז דער בעל מלאכה צייכנט פריער אָן וויפל מען בעדאַרף אַראָפּנעמען און מיט אַ שטאַרקן כח האַקט ער דאָס אָפּ מיט איין מאָל, אָבער די צווייטע הכשרה וואָס ניט בדרך בקיעה איז דער אופן אַראָפּנעמען ביסלעך ווייס און ניט מיט קראַפט נאָר מיט פאַרשטאַנד, ווי מיר זעהען במוחש אַז אַלץ וואָס דער בעל מלאכה איז פערשטענדליכער און לייגט אַריין זיין פאַרשטאַנד אין דעם אופן פון אַראָפּנעמען די מותרות און מכשיר זיין דעם חומר העץ, אַלץ מער ווערט דער חומר מוכשר צו מאַכן פון אים אַ גוטע שיינע כלי.

**און** אָט אַזוי ווי אין משל אַז ווען מען בעדאַרף מאַכן אָדער פאַרריכטן אַ כלי בעדאַרף מען פריער מכשיר זיין דעם חומר העץ פון וואָס מען וויל מאַכן אָדער פאַרריכטן די כלי, און די הכשרה איז אין כמה אופנים נאָר בדרך כלל אין צוויי אַלגעמיינע טיילן. דער ערשטער טייל איז ריין צו מאַכן דעם חומר, הן פון דעם שמוץ וואָס האָט זיך אויף אים אָנגעקליבן און פון די ווילדע אָנגעוואַקסענע שאַלעכץ און אויך אַ טייל פון דעם מותרות. דער צווייטער טייל איז וואָס מען בעדאַרף אַראָפּ נעמען אַ טייל פון דעם עצם חומר. וואָס אויף די צוויי ערליי הכשרות זיינען פאַראַן כלים מיוחדים, אויף דער ערשטע טייל הכשרת החומר איז דאָ אַ קרדום, וואָס זיין פעולה איז בדרך בקיעה און מיט אַ גרויסער קראַפט. אויף דער צוויישטער טייל הכשרה איז דאָ אַ מחליק וואָס מאַכט דעם חומר דינער גלאַט און איידל, נאָר דער אופן פון זיין אַרבעט איז ניט מיט קראַפט נאָר מיט פאַרשטאַנד, הגם זיין פעולה איז דאָך אין חומר און אַ פעולה אין חומר איז נאָר דורך קראַפט, דאָך איז אין דער אַרבעט דער עיקר דער פאַרשטאַנד. אָט אַזוי איז אויך ביים מענטשן. דער מענטש ווי ער איז מיט זיין געבירטליכן שכל און מדות איז ער ווי אַ בעל חי, ווי מיר זען במוחש אַז אין די קינדער יאָרן איז דער מענטש אינגאַנצן איבערגעגעבן צו די קערפּערליכע רצונות, און ווען אַ קינד האָט ניט קיין גוטן חינוך און הדרכה[15] ווערט באַ אים שלעכטע געוואוינהייטן

15) ראה סה״מ אידיש ס״ע 201 ואילך.

און ווען ער ווערט עלטער ווערן באַ אים זייער שלעכטע נייגונגען אַז ער ווייס נאָר אַז דאַרף זיין אַלץ וואָס ער וויל[16], און ווילן וויל ער אַלץ, און אויב דער מענטש פירט זיך נאָך זיינע געבירטליכע מדות און געבירטליכן פאַרשטאַנד ווערן באַ אים זייער שלעכטע רגילותן וואָס הגם די רגילותן זיינען נאָר אַ דרויסנדיקער שמוץ לגבי די געבירטליכע שלעכטע מדות, אָבער זיי ווערן זייער שטאַרק איינגעוואַקסן אין מענטשן. עס זיינען פאַראַן פערשידענע סבות און מקורים וועלכע ברייגנען די רגילותן. פאַראַן אַזעלכע וואָס זייער מקור איז שלעכטער חינוך און הדרכה. פאַראַן אַזעלכע וואָס זייער מקור איז שלעכטע סביבה פון חברים לא טובים, פאַראַן אַזעלכע וואָס זייער מקור איז שלעכטע געבירטליכע זיטן, אָבער אַלע רגילותן ווערן שטאַרק איינגעוואַקסן אין מענטשן. וואָס הגם זיי אונטערשיידן זיך איינער פון צווייטן אָבער אַלע זיינען זיי טיף איינגעוואָרצלט ביים מענטשן וכמאמר הידוע[17] הרגל נעשה טבע, און בכדי אויסהיילען זיך פון שלעכטע רגילותן מוז טען האָבן אַ יגיעה גדולה[18]. אויך די געבירטליכע שכל ומדות מוז מען איבעראַרבעטען אַז דער פאַרשטאַנד זאָל פאַרשטיין ענינים רוחנים און די מדות זאָלן זיין אין עבודת השי"ת, וואָס צוליב דער הכשרה פון שכל ומדות מוז דער מענטש אַראָפּנעמען דעם שמוץ פון רגילות און אויסאיידלען די גראָבקייט פון די געבירטליכע שכל ומדות.

די ערשטע הכשרה, די אַרבעט אויף אַראָפּצורייניגען דעם שמוץ פון רגילות און אַראָפּנעמען די גראָבקייט פון די געבירטליכע שכל ומדות, איז דורך דער עבודה פון קבלת עול. אין די כחות הנפש ווערן די כחות מחשבה דבור ומעשה אָנגערופן לבושים[19], ווייל די פעולות הכחות פון נפש זיינען דורך די כחות מחשבה דבור ומעשה, איז הגם אַלע דריי זיינען לבושי הנפש דאָך אונטערשיידען זיי זיך[20]. דער לבוש המחשבה איז לבוש הדבוק און איז זייער פאַראייניגט מיט די כחות הנפש דערום איז דאָך מחשבה דאָ שטענדי[ג] ביים מענטשן אַז אפילו ווען דער מענטש שלאָפט איז דער כח המחשבה פועל פעולתו דער לבוש הדבור איז אַ זמניתדיקער, עת לדבר ועת לחשות מלדבר[21], און מעשה איז גאָר אַ לבוש הנפרד. לבוש המחשבה איז צוליבן מענטשן אַליין, לבוש הדבור איז ניט צוליבן מענטשן זעלבסט, עס איז נאָר צוליבן צווייטן, און לבוש המעשה איז אַזאַך ווערט אָפּגעטיילט פון מענטשן, ווען דער מענטש טוט

---

16) כ"ה בהעתקה. ובכתי"ק: אַז ער וויס נאָהר אַז דאָס וואָס ער ויהל בעדאַרף זאיין.

17) תניא פמ"ד (סג, ב).

18) ראה עד"ז סה"מ מלוקט ח"ב ע' רצב. וש"נ.

19) ראה תניא פ"ד (ח, א).

20) ראה סה"מ אעת"ר ע' מג ואילך.

21) כן מובא בכ"מ בדא"ח. ובקהלת ג, ז: עת לחשות ועת לדבר.

עפּעס, ווערט די קראַפט מיט וועלכע ער טוט אָפּגעטיילט פון דעם אַלגעמיינעם מענטשליכן קראַפט און ווערט אַזאַך פאַר זיך. וואָס דורך די לבושים פון מחשבה דבור ומעשה ווערן אויסגעפירט אַלע זאַכן פון דעם מענטשן, הן גוטע און הן ניט גוטע, און דערום איז אין די אַלע דריי לבושים שייך די עבודה פון קבלת עול, וואָס קבלת עול איז אַ עבודה וועלכע דער עובד טוט מיט אַ שטאַרקייט ניט אַריינגייענדיג אין קיינע טעמים און אָט ווי אין גשמיות איז די ערשטע עבודה פון הכשרת החומר דורך אַ בקיעה בקרדום מיט אַ שטאַרקע קראַפט וואָס דורך דעם נעמט מען אַראָפּ דעם לכלוך און די ווילדע גראָבע שאָלעכץ מיט דעם גסות החומר, אָט אַזוי איז די ערשטע עבודה פון קבלת עול בעדאַרף זיין די בקיעה מיט אַ שטאַרקן קראַפט, וואָס דער ענין פון דער שטאַרקייט איז אַז עס איז אָן טעמים נאָר עס איז בכח, וואָס די עבודה איז אין די דריי לבושים מחשבה דבור ומעשה אין יעדערן פון זיי נאָך זיין מהות נאָך, אַז אויב עם פאַלט אַריין ניט קיין גוטע מחשבה שטופט ער איר אָפּ מיט אַ גרויסער קראַפט, וואָס דער עיקר היגיעה איז אין דעם וואָס ער טוט אויס זיין מחשבה פון דער שלעכטער זאַך און טוט איר אָן אין אַ גוטער זאַך, און ווען ער וויל ריידן אַ דבור וואָס מען טאָר ניט ריידן למשל רכילות אָדער לשון הרע וואָס דאָס זיינען דבורים אסורים, אָדער אפילו דבורים וועלכע מען בעדאַרף ניט ריידן למשל דברים בטלים וכדומה דאַן שטאַרקט ער זיך אויף זיך אַליין און ער איז בולם פיו ולשונו, און דאָס איז מיט אַ גרויסער שטאַרקייט אַז ער ווערט כאלם לא יפתח פיו[22]. דער[23] אונטערשייד פון מחשבה און דבור איז אַז מחשבה איז אַ לבוש המיוחד דערום מוז ער אויסטאָן די מחשבה פון דער שלעכטער זאַך און אָנטאָן זי אין אַ גוטער זאַך, אָבער אין דבור איז די עבודה פון קבלת עול דער ניט ריידן וואָס מען דאַרף ניט און אַזוי איז אויך אין מעשה, וואָס דורך דער שטאַרקייט פון קבלת עול ווערט אָפּגערייניקט די שמוץ פון רגילות און עס ווערט אַראָפּגענומען די גראָבקייט פון די געבירטליכע מדות.

נאָך דער עבודה פון קבלת עול אין די דריי לבושים פון מחשבה דבור ומעשה וואָס דורך דעם נעמט מען אַראָפּ דעם גסות החומריות און דעם לכלוך, דאַן קומט די צווייטע עבודה אין דעם הכשרת החומר, וואָס דאָס איז דורך פאַרשטאַנד, דאָס הייסט אַז די עבודה איז דער עיקר אַ פאַרשטענדליכע איבערלעגונג וואָס דער מענטש דאַרף זיך איבערלעגען און טיף פאַרטראַכטן זיך וואָס איז די כוונה און דער תכלית אין דעם וואָס השי״ת האָט אים בעשאַפן, און ווען דער מענטש איבערלייגט זיך אין דעם מיט אַ פאַרשטאַנד מוז ער פאַרשטיין אַז דאָס וואָס השי״ת האָט אים באַשאַפן און אַריינגעגעבן אין אים

---

22) תהלים לח, יד.

23) ראה גם סה״מ מלוקט ח״ב הנסמן בהערה 18.

אַזעלכע הויכע כחות ווי שכל און דאָס גלייכן וואָס דורך זיי קען ער בעגרייפן די העכסטע רוחניותדיקע איידלקייט און האָט אונז געגעבן די תורה וועלכע לערנט אונז ווי אויפצופירן זיך אין קיום המצות און ווי דער מענטש זאָל זיך פירן אין מדות טובות, און אין תורה איז דייטליך קלאָר געזאָגט וואָס הייסט אַ מדה טובה, און וואָס הייסט אַ מדה רעה, וואָס פון דעם אַלעמען דאַרף דער מענטש פאַרשטיין אַז מען האָט אים בעשאַפן צוליב אַ תכלית פון עבודת השי״ת[24]. ווי עס שטייט[25] אנכי עשיתי ארץ ואדם עלי׳ בראתי, דער טייטש פון פסוק איז[26], השי״ת כביכול זאָגט איך ווער איך בין, האָב בעשאַפן די ערד און דעם אדם וואָס מיינט אידן, ווי עס שטייט[27] אדם אתם זאָגט די גמרא[28] אתם קרויים אדם, איז צוליב אייך האָב איך געמאַכט דעם אדם, און דאָס וואָס השי״ת האָט בעשאַפן דעם אדם איז צוליב בראתי, דער וואָרט בראתי טרעפט אָן תרי״ג[29], דאָס מיינט תרי״ג מצות, אַז דער תכלית פון בריאת העולם איז צוליב עבודת השי״ת, און עס שטייט[30] הלא צבא לאנוש עלי ארץ וכימי שכיר ימיו, יעדער מענטש האָט אַ געוויסע בעגרעניצטע צייט וויפל ער זאָל זיין אויף דער וועלט, און ווען ער איבערלעגט זיך גוט אין זיין מצב רוחני ווי ער ליגט נאָר אין ענינים הגשמי׳ און חומרים, און איז אַלע מאָל פאַרנומען אין זיינע וועלטליכע בעדערפענישן און גופניותדיקע רצונות, אויף צו דאַווענען במתינות און גוט צוהערן זיך צו די ווערטער פון דאַווענען ווי אויך אָפּשטעלן צייט אויף לערנען אויף דעם האָט ער קיין צייט ניט, מקיים זיין מצות מיט אַ חיות און מקיים זיין מצות אהבת ישראל אויף דעם האָט ער קיין געפיהל ניט, די סבה אויף דעם איז ווייל זיין קאָפּ און האַרץ זיינען אַוועק געגעבן געוואָרן צו ענינים גשמי׳ וועלכע ער וויל אַלץ מער און בעסער ווי די גמרא זאָגט[31] אַז דער וואָס האָט הונדערט גילדן וויל האָבן צוויי הונדערט און דער עיקר וואָס ער רעכנט אַז אים קומט אַז השי״ת זאָל אים געבן אַ ריבוי גשמיות, אָבער באמת ווען דער מענטש באַרעכנט זיך מיט אַ גוטן פאַרשטענדיקן איבערלעגונג אין זיין מצב רוחני, אַז ער איז ניט מקיים די שליחות וואָס השי״ת האָט אַראָפּ געשיקט זיין נשמה אויף דער וועלט, און באמת זיינען פאַראַן זאַכן וואָס ער האָט זיי פאַרגרעבס און קאַליע געמאַכט,

---

24) ראה משנה ובריייתא סוף קידושין: אני (לא) נבראתי (אלא) לשמש את קוני.

25) ישעי׳ מה, יב.

26) ראה ״היום יום״ כב חשון (ע׳ קו).

27) יחזקאל לד, לא.

28) יבמות סא, רע״א.

29) ראה מקדש מלך לזהר ח״א רה, ב. וראה אוה״ת בראשית (ו) תתרמד, ב. סה״מ תרצ״ו ע׳ 139. תרח״צ ע׳ כה.

30) איוב ז, א.

31) ראה קה״ר פ״א, יג. פ״ג, יו״ד. רמב״ן ובחיי ס״פ חיי שרה.

למשל ווען איינער עסט אַ פרי און האָט פאַרגעסן מאַכן אַ ברכה מאַכט ער קאַליע די פרי, נאָר השי"ת איז אַ רחמן און טוט מיט אים חסדים, וואָס דאָס איז חסד חנם ממש איז אין יעדער חסד וואָס השי"ת טוט מיט אים פילט ער דעם חסד, און דאָס איז קטנתי, אַז פון יעדער חסד וואָס השי"ת טוט מיט אים ווערט ער באַ זיך אַלץ מער שפל רוח.



ב"ה.

פתח דבר

על פי הוראת כ"ק אדמו"ר שליט"א מדפיסים אנו בזה קונטרס מאמרים ה'ש"ת 1) באידיש אשר לכ"ק אדמו"ר (מהוריי"צ) נ"ע הכולל ארבעה מאמרים 2).

מאמרים הנ"ל יצאו לאור בשעתם בקופיר, ומופיעים כעת בפעם הראשונה בדפוס

* * *

לע"ע לא נמצא תחי"י גוף כתב יד קדש המאמרים כי אם העתקה ולכן אפשר שגם לאחר ההגהה שהשתדלנו בה, ימצאו טעויות וכיו"ב.

"מערכת אוצר החסידים"

תשל"ה

ברוקלין, נ.י.

1) בהמשך להנדפס כבר (ברוקלין, אלול תשכ"ז) ובשעתו לא היו מאמרים אלו תחי"י.

2) ב"מפתח ספרי מאמרי ודרושי אדמו"ר מהוריי"צ" (ע' 27) נזכר עוד מאמר: ד"ה ויהי חיי שרה, ש"פ חיי שרה, ולע"ע לא מצאנו מאמר זה.

פאַקסימיליא מהפתח דבר לקונטרס מאמרים ה'ש"ת
עם הגהת מכ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א

**לזכות**
**כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א**
**מהרה יגלה אכי״ר**

•

**לז״נ**
הרה״ח הרה״ת ר׳ **צבי הירש** בן הרה״ח ר׳ **בן ציון** ע״ה
נלב״ע ז״ך אלול ה׳תש״מ
ומרת **רבקה** בת הרה״ח ר׳ **צבי** ע״ה
נלב״ע כ״ט תמוז ה׳תשס״ב
**שפריצער**

– נתרם ע״י בניהם – יבלח״ט –
הרה״ת ר׳ **שמואל** והרה״ת ר׳ **יעקב מרדכי** שיחיו
**שפריצער**

•

יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!

# תשורה

למשתתפים בהתוועדות חסידים
לרגל יום הבהיר ח"י אלול
בבית הכנסת ובית המדרש ליובאוויטש שבליובאוויטש
– 'בית משיח' 770

•

מוקדש לזירוז התגלותו המידית של
כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א תיכף ומיד ממש!

•

יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!